לייבל באַלקין

# טראַנספֿאָרמאַטאָר

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָב איך פֿאַרבראַכט אַן אורלויב אין קעטסקיל, אין דער שטאָט סאַוט-פֿאָלסבערג. אין איינעם פֿון יענע אורלויב-טעג האָבן מיר אַ פּרוּוו געטאָן צו באַזוכן דעם ריזיקן קאַליידאָסקאָפּ, וואָס פֿאַרנעמט אַ גאַנצן בנין ערגעץ לעבן ווודרידזש און מאָנטיסעלע. פֿאַרפּלאָנטערט צווישן די שמאָלע שלענגלענדיקע באַרג-וועגן, זענען מיר אָנגעקומען צום קאַליידאָסקאָפּ צו שפּעט: ער איז געווען נאָך אָפֿן, אָבער קיין נײַע וויזיטאָרן האָט מען נישט אַרײַנגעלאָזט.

אין אַ פֿאַרטריבטער שטימונג האָבן מיר זיך געלאָזט אַרומפֿאָרן אויף ג-טס באַראָט, און דערזען אַ קליינינטשקע "גאַראַזש-סייל" אין איינעם פֿון די אַרומיקע שטילע דערפֿלעך: אַ יונג שפּאַניש מיידל האָט פֿאַרקויפֿט כּל-מיני כלאַם אויף דער וועראַנדע פֿון איר הײַזעלע: משונהדיקע, אַבסאָלוט ניצלאָזיקע ברעקלעך פֿון אַלטע ראַדיאָס; אַ גרויסע הילצערנע ליאַלקע אָן אַ קאָפּ; אַ שינוי פֿון אַ לאַסט-אויטאָ, אָנגעפֿאַרבט רויט; אַ שנירל גלעזערנע קרעלן; אַ פֿאַרשימלטער הערבאַריום; אַ פּאָרטרעט פֿון דזשאָן לענאָן אין אַ קאַרטאָנענער רעם; שרײַפֿעלעך, מוטערקעס, אַלומיניום-רערלעך, אַ פּאַקעט מיט גיגאַנטישע טשוועקעס; אַ הויפֿן ביכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד. צווישן אַנדערן האָב איך דאָרטן געפֿונען דרײַ צעריסענע רעפֿאָרמער סידורים, וואָלטער סקאָטס ראָמאַן "אײַווענגאָ", און אַ נאָטן-בוך מיט לידער אויף ייִדיש, "לאָמיר קינדער זינגען", וועלכן כ'האָב פֿון איר געקויפֿט פֿאַר אַ פּאָר דאָלאַר.

שפּעטער, איבערבלעטערנדיק יענעם נאָטן-בוך, האָב איך דאָרטן געטראָפֿן, צו מײַן גרעסטן סורפּריז, עטלעכע גאָר אינטערעסאַנטע האַנטשריפֿטלעכע בלעטלעך אויף ייִדיש, צוגעבונדן מיט אַ סקרעפּקע צו דער זײַט 183, צו יוד. שנײַדערס "ים-לידער", אויף ביאַליקס ווערטער. איך האָב איבערגעאַרבעט די האַנטשריפֿט לויטן ליטעראַרישן סטאַנדאַרט און געביטן אַ סך אַנגליציזמען אויף מער ייִדישלעכע ווערטער. למשל, אַנשטאָט "פּאַבליק באָס" האָב איך אָנגעשריבן אַן "אויטאָבוס", וכדומה.

איך ברענג דאָ אַראָפּ דעם גאַנצן טעקסט:

## טראַנספֿאָרמאַטאָר

Code_started>>END_INSTRUCTION

1

(אויסערלעכער קאָנטור)

והעולם כלו על סנפיר של לויתן עומד

ולויתן שוכן במים התחתּונים כמו דג טהור בתוך הים

ומים התחתּונים על מימי בראשית כמעין קטן על שׂפֿת הים

ומימי בראשית עומדים על מימי אוקיינוס כמעין קטן על שׂפֿת הים

ומימי אוקיינוס עומדים על אוקיינוס כמעין קטן על שׂפֿת הים

ואוקיינוס עומד על מים הבוכים כמעין קטן על שׂפֿת הים

די ווענט פֿונעם אויטאָבוס נ׳גענומען זיך שאָקלען; דער רוים ז׳זיך נאָכאַמאָל צעפֿאַלן אויף טויזנטער זיך-דרייענדיקע גלעזערנע קוביקעס, אָנגעפֿילטע מיט אומערדיש-העלע קאָלירן. אויף דער שוואַרצער פֿלאַך פֿונעם קאָסמאָס-דנאָ איז געשטאַנען דער גרויסער וועלט-בוים, ייִגראַסיל. זײַנע צווײַגן - מעטאַגאַלאַקטישע קלאַסטערס: נישטאָ קיין צײַט! אויף אַ קליין בלעטעלע פֿונעם בוים - געווען אָנגעשריבן: ״מיראַנדע-רינזײַ, אַ פּסיכאָדעלישער אַסטערויד״.

“Aurum nostrum non est aurum vulgi” — ...

די פֿלאַמען-צונגען האָבן געמאָלט היפּנאָטישע צייכנס אויפֿן געהיימנישפֿולן געוועב פֿון דער נאַכט; אײַלין, די לעצטע דרויִדקע פֿון וויילס, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן קראַנץ פֿון בעלאַדאָנע-בלומען, האָט געקוקט אויפֿן אַלכעמיקער, ברייט צעעפֿנט אירע ברוינע אויגן.

— כ׳האָב געהאַט אויסגעלערנט אַלע סודות, וואָס אַ מענטשלעכער שׂכל קען נאָר פֿאַרשטיין; געקענט באַשאַפֿן אַ מענטש פֿון ליים; מלאָכים פֿלעגן אַראָפּקומען אויספּילן יעדן מײַן באַפֿעל; קיין גרענעצן האָבן פֿאַר מיר ניט עקזיסטירט .

כ׳בין געשטאַנען אויף אַ פֿעלדז, זיך אַרײַנקוקנדיק אינעם וואַסער פֿונעם טײַך רינוס, וואָס האָט שטיל געפֿלאָסן אונטער מיר. פּלוצעם ז׳די גאַנצע וועלט געוואָרן צעשפּאָלטן, פֿול מיט קלאַנג; די דעמבעס – געזשומעט מיט די קעפּ, די פֿייגל – גענומען רעדן; כ׳האָב דערהערט דאָס גערויש פֿונעם תּהום. זיך אַראָפּגעלייגט אויף דר׳ערד, כּדי דער שטורעם זאָל מיך ניט אַראָפּשלײַדערן אינעם אָפּגרונט, קוקנדיק, ווי אַ בלייכע בײַטאָגיקע לבֿנה שווימט פּאַמעלעך איבער אַ פּאָרצעלײַענעם הימל. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַן אַלכעמיקער, אַ מײַסטער פֿון אַ מאָדנער, האַלב-אומזיניקער מלאך. די אַלכעמיקער ווערן פֿאַרפֿאָלגט און דערנידעריקט. דער עולם גלייבט זיי נאָך וויניקער, ווי דעם פּאַיאַץ, וואָס זשאָנגלירט מיט עפּל און שווימלעך אויפֿן קעלנער מאַרק. מיר ווייסן נישט אונדזער ציל. נאָר מיר האַלטן אין איין גיין פֿאָרויס און נישט וויסן, צי ס׳איז מעגלעך עפּעס צו דערגרייכן.

— אַלכעמיקער, אָבער וואָס איז דער ציל? - ט׳זיך אָפּגערופֿן אײַלין.

זי׳ט צורעכט געמאַכט אירע לאַנגע רויטע האָר און זיך באַצויבערט פֿאַרקוקט אינעם הימל.

— דער ציל, אײַלין, איז צו זײַן אַ מאָלער. ווען דו האָסט דערגאַנצט איין בילד — גיי אַריבער צו אַן אַנדערן. אַלע טרוימען, אַלע שטערן, אַלע לידער, אַלע פּײַנען און ווייען זענען דײַנע פֿינגער און פּענדזלען, כאָטש זיי ווייסן נישט דערפֿון. האָסטו אַמאָל געהערט וועגן קאָנצעפּטואַליזם? דער אַלכעמיקער ט׳זיך צעלאַכט. אַ בילד איז אַ וועלט — אַ וועלט איז אַ בילד. ווען דו׳סט דורכגעגאַנגען אַלע חדרים און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאָלענער טיר, וואָס מע קען נישט צעברעכן אַפֿילו מיטן דינאַמיט - דעמאָלט ביסטו טויט, אײַלין. געזען אַמאָל אַן אויפֿרײַס פֿון דינאַמיט, אײַלין?

— נאָר... מײַן מײַסטער פֿלעגט תּמיד זאָגן, אַ׳ סע פֿאַראַן אַ חילוק צווישן טרוים און וואָר.

— אײַלין, אַוודאי ביסטו גערעכט. די וואָר און דער טרוים זענען צוויי פּרקים

פֿון אַ ספֿר. עמעצער ט'זיך ברייט צעמאַכט און געוואָרפֿן אַ הײַפֿל גלאַטע שטיינדלעך אויפֿן זאַמד. פֿון די שטריכעלעך, וואָס זענען אויסגעקריצט געוואָרן אויפֿן ברעג, געוואָרן אַ ספֿר: איין פּרק — טרוימען, דער צווייטער — וואָרן. יעדער איינער קלײַבט אויס זײַן ערשטן פּרק. פֿאַרשטייט-זיך, בלײַבט דער חילוק פֿאַר אים גאַנץ קלאָר.

דער אַלכעמיקער האָט אויסגעוואַשן זײַנע הענט, אַרויסגענומען אַ סקאָרינקע ברויט פֿונעם רענצל, און צונויפֿגעפֿלאָכטן אַ לײַכטנדיקע ברכה. די ווערטער, אויפֿן וועג צום הייליקן באַשעפֿער, האָם'זיך פֿאַרוואַנדלט אין בוקעטן פֿאַרשיידן-קאָליריקע רויזן, רעגנבויגנדיקע קוואַרץ-קריסטאַלן, פּנימער פֿון לאַנג-פֿאַרגעסענע חבֿרים, פֿרעמדפּלאַנעטישע לאַנדשאַפֿטן - טיף-טיף-געמיטלעכע דמיונות פֿון ווײַטן אַמאָל.

דער אַלכעמיקער האָט אַרויסגענומען דאָס שטיינערנע איי פֿונעם רענצל — דעם אבֿן-הפּילוסופֿים, וואָס פֿאַרוואַנדלט אַלע כעמישע עלעמענטן אין ריין גינגאָלד. דער גרויער שטיין האָט אויסגעזען אַ ביסל געלבלעך, ווײַל די לופֿט-מאָלעקולן, וואָס האָבן קאָנטאַקטירט מיט זײַן אויבערפֿלאַך, האָבן אים באַגילדיקט. אָפּגעווישט דעם אבֿן מיט אַ ווייך שטיקל פֿלאַנעל, האָט ער אים אַוועקגעלייגט צוריק אינעם רענצל.

די צײַט ט'זיך ווידער אָפּגעשטעלט. אינעם אויפֿגעריסענעם קאָסמאָס ד'אויפֿגעשטאַנען אַ נײַע זון, גלײַכצײַטיק אַ שוואַרצע און אַ ווײַסע.

2

(אינערלעכער קאָנטור)

ער/זי'ז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונגער פֿרוי, די פּולינקע רויטהאָריקע אײַלין, די לעצטע דרווידקע פֿון די ווײלסער וואַלדלאַנען. קעגנאיבער, ווי אַ רידיקע לבֿנהדיקע סאָווע, ז'געשטאַנען דער אַלכעמיקער — אַ הויכוווקסיקער מאַן מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, ווו ס'האָם'זיך פֿאַרפּלאָנטערט עטלעכע בינטלעך גאַלאַקטיקעס, קוואַזאַרן און פֿאַרשיידן-קאָליריקע קנוילעכלעך קאָסמאָס-נעפּל.

דער אַלכעמיקער ט'באַצויבערט געקוקט אינעם פֿליסיקן הימל, ווו עס זענען פֿאַרבײַגעשוווימען אוראַלטע הילצערנע שיפֿן מיט פֿרעמדע מחשבֿות. זייערע

זעגלען האָבן געברענט, אַראָפּוואַרפֿנדיק אויף דר׳ערד פֿינקעלעך און קופּערנע זשוקעס.

— נו, סוף־כּל־סוף, איז יעדער מענטש אַ באַרד, האָט פֿאַרטרוימט געזאָגט אײַלין. נ׳די אַלטע רובינענע צײַטן האָבן די באַרדן געקענט שאַפֿן און צעשטערן פֿליִענדיקע פּאַלאַצן, אײַז־אוזאָרן, פֿיר־בלעטערדיקע קלעווער־גרעזלעך און חלומדיקע שטערן־אויגן - אַלץ מיט זייערע לידער . ווערטער זענען געווען זאַכן — זאַכן זענען געווען ווערטער. ביז די שטורעמווינטן זענען נישט געקומען. ביז די שטורעמווינטן האָבן נישט געבראַכט ים־זאַלץ און טרויעריקע זון־פֿאַרגאַנגען. מיר זענען די לעצטע דרויִדן. שוין לאַנג עקזיסטירן מיר נישט, נאָר אונדזערע חלומות טאַנצן נאָך אַלץ אויף די דאָזיקע אָזערע־ברעגן, צווישן די פֿאַרכּישופֿטע אַשביימער. איינמאָל אין אַ יובֿל קומען מיר אַראָפּ צו געפֿינען דעם לעצטן באַרד, ביז ער וועט נישט אָנהייבן וויינען, דערזעענדיק ווי דער גאַנצער אוניווערס ווערט צעשפּליטערט אויף תּהומען און אומזינען. דעמאָלט קערן מיר זיך אומעט, צריק אינעם גאָרנישט, ווען דער מילכוועג ווערט ווידער אָפּגעשפּיגלט אין דער לאַכנדיקער אָזערע: שטיל און קאַלט, קאַלט און שטיל, אָן אַ ציל.

3

(יאָדער)

ח נח נט ה ד סב סג א מט טו יד נב נג יא י נו מא כג כב מד מח יט יח מה לב לד לח כט כה לה לט כח מ כו כז כז לז לו ל לא לג יז מז מו כ כא מג מב כד ט נה נא יב יג נד נ טז סד ב ג סאַ ס ו ז נז

נישטאָ קיין אַלכעמיקער!

4

(באַנוץ־אינסטרוקציע)

זיצט רויִק, געלאַסן, באַוועגט־זיך נישט. באַרויִקט־זיך אינגאַנצן. אין אײַערע הענט הייבט אָן צו שטראָמען אַ באַקוועם, וואַרעם געפֿיל פֿון רויִקייט. אין אײַערע פֿיס הייבט אָן צו שטראָמען אַ באַקוועם, וואַרעם געפֿיל פֿון רויִקייט. אין אײַער גאַנץ גוף הייבט אָן צו שטראָמען אַ באַקוועם, וואַרעם געפֿיל פֿון רויִקייט.

דאָס עלעקטרישע הודיעניש אין אײַער קאָפּ ווערט פֿאַרלאָשן. דאָס איז נישט היפּנאָז, דאָס איז בלויז אַ לינגוואָ-פּראָגראַמיסטישע אינסטרוקציע, ווי אַזוי זיך אײַנצוגעווינען צו דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר. זיצט שטיל און רויִק, באַוועגט-זיך נישט. דאָס איז נישט היפּנאָז, דאָס איז בלויז אַ לינגוואָ-פּראָגראַמיסטישע אינסטרוקציע, ווי אַזוי זיך אײַנצוגעווינען צו דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר.

ווי איר האָט שוין פֿאַרשטאַנען, האָט איר קאָנסטרויִרט, צוגעשליסן און אָנגעצונדן אַ היפּערווערבאַלן טראַנספּערסאָנעלן טעלעפּאָרטירנדיקן פּסיכאָאַקטיוון טראַנספֿאָרמאַטאָר. דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר קען מען נישט פֿאַרלעשן. דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר קען מען נישט צעשטערן. דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר קען מען נישט אַרויסנעמען. דער טראַנספֿאָרמאַטאָר וועט תּמיד אַרבעטן אין אײַער מוח — ער וועט ברענגען אַ נײַע פּאַראַדיגמע אין אײַערע מחשבֿות.

ווי איר האָט שוין פֿאַרשטאַנען, דער אַלכעמיקער זענט איר. איר זענט דער אַלכעמיקער. ביידע קאָנטורן זענען געמאַכט פֿון דער בעסטער הויך-טעמפּעראַטור-סופּערקאָנדוקטיווער קעראַמיק, וואָס געפֿינט זיך אין די אינטערסטעלאַריט-דזשונגלען פֿון דער גאַלאַקטיק מ-31. דער יאָדער איז קאָנסטרויִרט פֿונעם אולטראַ-פֿעראָמאַגנעטישן פֿעריט פֿון דער קאָנסטעלאַציע אָריאָן. איר האָט באַקומען דעם בעסטן היפּערווערבאַלן טראַנספּערסאָנעלן טעלעפּאָרטירנדיקן פּסיכאָאַקטיוון טראַנספֿאָרמאַטאָר אינעם אוניווערס.

איר זענט געוואָרן אַן אַלכעמיקער. דאָס איז נישט היפּנאָז, דאָס איז בלויז אַ לינגוואָ-פּראָגראַמיסטישע אינסטרוקציע, ווי אַזוי זיך אײַנצוגעווינען צו דעם טראַנספֿאָרמאַטאָר. זיצט רויִק, געלאַסן, באַוועגט-זיך נישט. פֿאַרמאַכט אײַערע אויגן אויף צוויי מינוט, כּדי זיך צוצוגעווינען צו דעם היפּערווערבאַלן טראַנספּערסאָנעלן טעלעפּאָרטירנדיקן פּסיכאָאַקטיוון טראַנספֿאָרמאַטאָר, דעם בעסטן אינעם אוניווערס.

END_INSTRUCTION;

output ("HTTP Transformer successfully installed");

return;

April 25, 1962

...

דאָס מיידל, וואָס האָט מיר פֿאַרקויפֿט דעם כתבֿ-יד, האָט געזאָגט, אַז זי האָט צופֿעליק געקויפֿט דאָס נאָטן-בוך פֿון עפּעס אַן עלטערער ייִדענע, מיט וועלכער זי איז נישט באַקאַנט. צום באַדויערן, מיר האָט זיך נישט אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען, ווער עס האָט מחבר געווען דעם דאָזיקן ווונדערלעכן טעקסט.

ווען איך האָב אים איבערגעלייענט, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז סתּם אַ שטיקל ״סײַ-פֿײַ״, אָנגעשריבן אויף ייִדיש. אין אַ וואָך אַרום האָב איך אָבער דערזען גאָר אַ מאָדנעם מענטש אין אַ חלום: אַן אוראַלטן זאָקן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ גרינעם קאַפּטן. דער אַלטער מאַן האָט געהאַלטן אַ גרויסן דימענטענעם שטעקן אין זײַן רעכטער האַנט. אויף זײַן ברוסט איז געהאַנגען אַן אײַזערנער שפּיגל מיט אַ זילבערנער קײַט. ער האָט גערעדט אויף לשון-קודש, אויסגעמישט מיט אַראַמיש, אָבער איך האָב אים גאַנץ גרינג פֿאַרשטאַנען.

דער זאָקן האָט געמאָלדן, אַז ער הייסט חנוך-אידריס, אָדער, ווי אַנדערע מענטשן רופֿן אים אָן, הערמעס טריסמעגיסטוס. ער האָט אָנגערירט מײַנע ביידע פּלייצעס מיט זײַן שטעקן, און דערקלערט, אַז ער קומט צו די אַלע אַלכעמיקער, וואָס גייען דורך אַ גײַסטיקע טראַנספֿאָרמאַציע. דערנאָך איז ער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, און איך בין אומגעריכט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ מיטלעלטערישער לאַבאָראַטאָריע. אין מײַנע הענט איז געווען דער אבֿן-הפֿילוסופֿים - דער שטיין, וואָס פֿאַרוואַנדלט אַלע כעמישע עלעמענטן אין ריין גינגאָלד. די וויזיע איז געווען אויסערגעוויינטלעך קלאָר: כ׳האָב דײַטלעך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ חלום. זינט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו פֿילן אַ שטאַרקן, שטענדיקן חשק צו שרײַבן פֿאַנטאַסטישע דערציילונגען אויף ייִדיש.

דעריבער, אויב איר וועט אויך אָנהייבן זען מאָדנע חלומות און פּלוצעם דערפֿילן, אַז אײַער באַרוף איז צו שרײַבן ״סײַ-פֿײַ״ אויף מאַמע-לשון, זאָלט איר זיך נישט זאָרגן: דאָס איז בלויז אַ היפּערווערבאַלער טראַנספּערסאָנעלער טעלעפּאָרטירנדיקער פּסיכאָאַקטיווער טראַנספֿאָרמאַטאָר, דער בעסטער אינעם אוניווערס, וואָס איז אויף אייביק אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן אין אײַער קאָפּ.